ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

**קובץ**
**שלשלת האור**

**היכל תשיעי** | **שער שלישי**

# דבר מלכות

•

**מאת**

כבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**משיחות יום ד׳ פ׳ בא, ג׳ שבט, וש״פ בא, ו׳ שבט ה׳תשנ״ב**


יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי | ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושלש לבריאה

**שנת הקהל**

מאה ועשרים שנה לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א


**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

## בס"ד. משיחות יום ד' פ' בא, ג' שבט, וש"פ בא, ו' שבט ה'תשנ"ב

א. דער ציווי ה' למשה „בא אל פרעה" איז די התחלה — און דער נאָמען[1] — פון דער פרשה וואו עס רעדט זיך וועגן דער גאולה פון אידן בפועל בַּא יציאת מצרים[2], „ויהי בעצם היום הזה יצאו כל צבאות ה' מארץ מצרים גו' הוציא ה' את בני ישראל מארץ מצרים על צבאותם"[3].

וויבאַלד אַז די גאַנצע פרשה פון יציאת מצרים ווערט אָנגערופן על שם „בא אל פרעה" (וכידוע[4] אַז דער נאָמען פון אַ פרשה דייט אָן אויף דעם תוכן פון דער גאַנצער פרשה), איז פאַרשטאַנדיק, אַז „בא אל פרעה" איז פאַרבונדן מיט און איז נוגע צו דעם תוכן פון גאולת מצרים (בהמשך הפרשה).

דאָס הייסט: נוסף אויף דעם וואָס אַלע פרטים פון שליחות משה אל פרעה זיינען אַ הכנה צו גאולת מצרים, איז עס נאָכמער בנוגע צו „בא אל פרעה", זייענדיק די התחלה און שם פון פרשת הגאולה, און דערצו אַ התחלה וועלכע ווערט געזאָגט (ניט אַלס הקדמה צו אַן אַנדער ענין, נאָר) אַלס אַ ציווי בפ"ע פון דעם אויבערשטן צו משה („ויאמר ה' אל משה בא אל פרעה", ותו לא[5]) — אַז „בא אל פרעה" איז די הקדמה והתחלה בפועל פון דער גאולה עצמה[6].

און נאָכמער: ע"פ הידוע[7] אַז יציאת מצרים איז די התחלה ופתיחה פון (אַלע גאולות, כולל) דער גאולה העתידה (אויף וועלכער עס שטייט[8] „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"), יש לומר, אַז „בא אל פרעה" (די התחלה פון גאולת מצרים) איז אַ הקדמה אויך צו דער גאולה העתידה.

דאַרף מען פאַרשטיין די שייכות פון „בא אל פרעה" מיט דער גאולה — דלכ־אורה איז דאָס אַ פאַרקערטער תוכן: „בא אל פרעה" באַווייזט אַז פרעה שטייט בתוקף, און משה דאַרף צו אים קומען („בא") און אָנקומען (ביז אַז פרעה האָט אים געזאָגט ווייטער אין דער פרשה[9] „לך מעלי השמר לך אל תוסף לראות פני כי ביום ראותך פני תמות"), פאַרקערט פון גאולת מצרים וואָס באַשטייט פון מבטל זיין תוקף פרעה און מנצח זיין אים, און דורך דעם — אויס־געלייזט ווערן, אַרויסגייען און אַוועקגיין פון (פרעה מלך) מצרים?!

ב. וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים אַ שאלה כללית בענין „בא אל פרעה":

יעדער ענין אין תורה איז אַן ענין נצחי[10] און (במילא) הוראה נצחית פאַר אַלע דורות. ועפ"ז — וואָס איז די הוראה

1) כן נקראת („בא אל פרעה") ברמב"ם סדר תפלות כל השנה (בסוף ספר אהבה), ובאבודרהם בסדר הפרשיות וההפטרות.

2) משא"כ בפ' שמות ובפ' וארא מדובר אודות ההבטחה וההכנה ליצי"מ.

3) פרשתנו יב, מא. נא.

4) ראה לקו"ש ח"ה ע' 57 ואילך. ובכ"מ.

5) ראה לקו"ש ח"ו ע' 57 ואילך. וש"נ.

6) ראה בארוכה סה"ש תנש"א ח"א ע' 273 ואילך.

7) ד"ה כימי צאתך תש"ח פי"ב (ע' 164).

8) מיכה ז, טו.

9) יו"ד, כח.

10) ראה תניא רפי"ז. ובכ"מ.

נצחית פון „בא אל פרעה", לאחרי הבי־טול והנצחון איבער פרעה (מלך מצרים) בגאולת מצרים, ועאכו"כ לאחרי די גאולה האמיתית והשלימה, ווען „ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ"[11], און עס בלייבט ניט איבער קיין רושם פון פרעה, ומעין ובדוגמת זה – בסוף זמן הגלות, ווען עס האָבן זיך שוין גע־ענדיקט אַלע בירורים פון קליפת פרעה וכיו"ב (ווי גערעדט מערערע מאָל).

ויש לומר דעם ביאור בזה ע"פ הידוע אַז יעדער ענין אין וועלט, אפילו זאַכן וואָס זיינען היפך הטוב והקדושה, האָבן אַ שרש למעלה אין קדושה. און אין דעם (דער שרש בקדושה) באַשטייט אמיתית הענין[12], נאָר לאחרי ווי דאָס גייט דורך אַ ריבוי השתלשלות, מיט כמה וכמה מסכים ופרסאות והעלמות והסתרים כו', ווערט דערפון נשתלשל למטה אַ דבר של היפך[13].

אַזוי איז אויך בנוגע צו פרעה: עס שטייט אין זהר[14] (אויפן פסוק[15] „והקל נשמע בית פרעה") „בית פרעה דא היא סימניך לעילא, ביתא דאתפריעו ואת־גליין מיני' כל נהורין וכל בוצינין, כל מה דהוה סתים מתמן אתגלי, ובגין כך קב"ה אפיק כל נהורין וכל בוצינין בגין לאנהרא לההוא קול דאקרי קל בלא וא"ו". און פון פרעה בשרשו דקדושה (דער ענין פון פריעה וגילוי אלקותו

יתן'[16]), ווערט נשתלשל פרעה למטה[17], מיט זיין גאַנצן תוקף בלעו"ז.

ג. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דעם ענין פון „בא אל פרעה" בשרשו אין קדושה:

אין זהר פרשתנו[18] איז ער מבאר דעם ענין פון „בא אל פרעה" ווי דאָס איז אין פרעה למטה: „מה כתיב בא אל פרעה, לך אל פרעה מבעי לי', מאי בא, אלא דעייל לי' קב"ה אדרין בתר אדרין לגבי תנינא חדא עלאה תקיפא דכמה דרגין משתלשלין מני', ומאן איהו רזא דתנין הגדול, ומשה דחיל מני' לא קריב אלא לגבי אינון יאורין ואינון דרגין דילי', אבל לגבי' דחיל ולא קרוב בגין דחמא לי' משתרש בשרשין עלאין, כיון דחמא קב"ה דדחיל משה ושליחן ממנן אחרנין לעילא לא יכלין לקרבא לגבי', אמר קב"ה הנני עליך פרעה מלך מצרים התנים הגדול הרובץ בתוך יאוריו[19], וקב"ה אצטריך לאגחא בי' קרבא ולא אחרא, כמה דאת אמר אני ה'".

ד.ה. אַז צוליב דעם תוקף פון עצם קליפת פרעה („התנין הגדול") בביתו בארמון המלך (וואָס שרשו איז „בשרשין עלאין"), האָט משה מורא געהאַט אַריינ־גיין צו אים דאָרטן. און דעריבער האָט אים דער אויבערשטער ניט געזאָגט „לך אל פרעה" (ער זאָל אַליין גיין), נאָר „בא אל פרעה", ער זאָל קומען צוזאַמען מיט דעם אויבערשטן און אַריינגיין צו פרעה'ן, דער אויבערשטער פירט אים אַריין צוזאַמען מיט זיך צו דער פנימיות

11) זכרי' יג, ב.

12) ובתורה נאמרים הענינים כפי שהם ל־אמיתתם בשרשם בקדושה, כמבואר במק"א (ראה לקו"ש ח"כ ע' 341 ואילך. ספר השיחות תשמ"ח ח"א ס"ע 36 ואילך. ועוד) בענין „יעקב ועשו האמורים בפרשה" (ל' רש"י ר"פ תולדות).

13) ראה בארוכה סה"ש תשמ"ח שם. וש"נ.

14) ח"א רי, א.

15) ויגש מה, טז.

16) ראה תו"א ד"ה ויהי מקץ (לא, א). תו"ח שם רפ"א (עד, א). פ"ו (עז, סע"ד ואילך).

17) תו"א שם לא, ג.

18) לד, א.

19) יחזקאל כט, ג.

ועצם פון (קליפת) פרעה (אדרין בתר אדרין, חדרים לפנים מחדרים[20]), בכדי אים אינגאַנצן איינגעמען („לאגחא בי' קרבא").

לויט דעם דאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער פירוש אין „בא אל פרעה" ד־קדושה („דאתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין"): בנוגע צו פרעה דקדושה (גילוי אלקות) ווי איז שייך זאָגן „דחיל משה", אַז משה זאָל „מורא" האָבן אַהינצו אַריינגיין אַליין, און ער זאָל דאַרפן אָנקומען אַז דער אויבערשטער זאָל אים אָנזאָגן „בא אל פרעה", און אים דאָרט אַליין אַריינפירן („עייל לי' קב"ה")?!

ויש לומר דער ביאור אין דעם:

פרעה דקדושה איז אַ גילוי הכי נעלה פון אלקות, הן אין דעם עצם גילוי — (א) אַ גילוי פון אַלע אורות, כולל די העכסטע אורות ודרגות אין אלקות — „כל נהורין וכל בוצינין", ביז אויך פון „כל מה דהוה סתים", און הן אין דעם אופן הגילוי — (ב) אין אַן אופן פון „אתפריעו" מלשון פרוע (בלי סדר), ד.ה. למעלה מסדר ומדידה והגבלה.

נאָכמער: דער „אתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין כו'" קומט דוקא פון עצמותו ומהותו ית' [ובלשון הזהר: „בית פרעה כו' ביתא דאתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין כו' קב"ה אפיק כל נהורין כו'", וואָס אין אַ בית (אַ דירה) שטייט דער מלך בגילוי בכל עצמותו[21]] — וואָרום אור מצ"ע איז מוגדר אין זיין גדר וציור פון גילוי (אור), און יעדער דרגא והמשכה אין אור — ווערט נמשך מיט אַ סדר בהתאם צו זיין ציור וגילוי פרטי, און דער גילוי (אור) איז מצ"ע באופן של גילוי בסדר והדרגה: דערפון איז מובן, אַז בכדי עס זאָל זיין דער גילוי פון „כל נהורין כו'" און „כל מה דהוה סתים" (היפך הגילוי), און נאָך אין אַן אופן פון „אתפריעו" (למעלה מסדר והדרגה), דאַרף דאָס קומען פון עצמותו ית', וואָס ער איז דער „מקור" (כביכול) פון „כל נהורין כו'" [בלשון הזהר ב־פרשתנו: דער עצם פון פרעה, „דכמה דרגין משתלשלין מיני'"], און צוזאַמען דערמיט אַזאַ „מקור" וואָס איז אינגאַנצן העכער פון גדר מקור און גדר מאור ואור, און דעריבער קומען פון אים אַרויס „כל נהורין כו' וכל מה דהוה סתים" ובאופן פון „אתפריעו"[22].

עפ"ז איז מובן פאַרוואָס „משה דחיל מיני' ולא קריב", ווייל ער האָט געזען ווי דער גילוי פון פרעה (דקדושה) איז מושרש „בשרשין עלאין", און דעריבער האָט ער מורא געהאַט אַריינגיין אין „בית פרעה", וואו ס'איז דאָ דער גילוי העצם פון פרעה דקדושה, וואָרום אַ נברא מוגבל, אַ נשמה בגוף, קען ניט אויפנעמען די געוואַלדיקע גילויים פון עצמותו ית', „דאתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין כו'"; ווי קען אַ באַגרענעצט־ער נברא אויפנעמען דעם גילוי פון „כל נהורין", און דערצו נאָך אַ גילוי באופן שלמעלה ממדידה והגבלה (אתפריעו), וואָס קומט פון עצמות?!

„אינון יאורין ואינון דרגין דילי'", די גילויים פון סדר השתלשלות, דאָס קען

---

20) פי' דרך אמת.

21) ראה אוה"ת בלק ע' תתקצז. המשך תרס"ו ס"ע ג. הנסמן בסה"מ מלוקט ח"ב ע' כז הערה 35.

22) וראה תו"ח שבהערה 16 (עח, סע"א), ש„פרעה" מלשון פריעה וגילוי — „הוא בחי' התגלות הפנימית דוקא כי ל' פריעה לא שייך רק לגלות מתוך ההעלם והכיסוי כו'". ועפ"ז מובן עוד יותר שהוא לא בכח האור (שענינו גילוי), כ"א דוקא בכח העצמות.

אַ נברא אויפנעמען, און דערפאַר האָט משה ניט מורא געהאַט צו גיין צו פרעה ווי ער שטייט בדרגא זו (בביתו, ועאכו"כ מחוץ לביתו[23]). אָבער ווי פרעה מלשון „אתפריעו כו' כל נהורין" געפינט זיך בביתו בכל התוקף — די גילויים פון עצמותו ית' — דערפון האָט ער מורא געהאַט, ווייל אַ נשמה בגוף קען דאָס מצ"ע ניט אויפנעמען!

ויש לומר אַז דאָס איז מרומז אויך אין המשך הפרשה: ווען פרעה האָט געזאָגט משה'ן „לך מעלי השמר לך אל תוסף ראות פני כי ביום ראותך פני תמות", האָט משה דערצו מסכים געווען זאָגנדיק „כן דברת לא אוסיף עוד ראות פניך"[24]. דערפון איז מובן אַז דברי פרעה האָבן אַן אָרט אין תורה און קדושה, נאָר ווי דאָס שטייט אין קדושה איז דאָס טוב בשלימות. און דער ענין אין דעם איז: וויבאַלד אַז דער גילוי פון פרעה דקדושה איז למעלה מכל מדידה והגבלה („אתפריעו כל נהורין"), דערי־בער איז „ביום ראותך פני תמות". מצד דרגת משה (מצ"ע)[25] קען אַ נברא בלייבנדיק אַ נשמה בגוף ניט אויפנעמען דעם גילוי פון „ראות פניך" פון פרעה, צו זעען די פנימיות („פניך") פון „את־פריעו כל נהורין", אַ גילוי שלמעלה מכל מדידה והגבלה: דער גילוי פון „ראות פניך" איז דוקא ווי די נשמה איז למעלה פון די מדידות והגבלות פון דעם גוף הגשמי והמוגבל[26].

ד. אויף דעם האָט געדאַרפט זיין אַ ציווי מיוחד און אַ נתינת כח מיוחדת פון דעם אויבערשטן צו משה — „ויאמר ה' אל משה בא אל פרעה", „עייל לי' קב"ה אדרין בתר אדרין": עצמותו ית' — וועל־כער איז העכער פאַר (דעם גאַנצן גדר פון) בלי גבול און גבול — פירט משה'ן אַריין צו פרעה, אַז אויך זייענדיק אַ נשמה בגוף מוגבל קען משה אויפנעמען דעם גילוי פון „אתפריעו כל נהורין" פון עצמותו ית'!

והביאור בזה:

פרעה מלשון „אתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין כו'" קען מען טייטשן אויף צוויי אופנים: (א) דער גילוי פון אַלע אורות (כל נהורין) און אין אַן אופן פון „אתפריעו", למעלה מסדר והדרגה. וואָס דאָס באַווייזט אַז דער גילוי נעמט זיך פון עצמותו ית' שלמעלה מגדר אור, און איז ניט מתייחס צו אור בגדרו וציורו הוא, וואָרום מצד דרגת האור (אפילו זייענדיק מעין המאור) שטייט ער ניט אין אַן אופן פון „אתפריעו" (כנ"ל). (ב) „כל נהורין", די דרגא וציור פון אור גופא איז אין אַן אופן פון „אתפריעו" — אַ גילוי שלמעלה ממדידה והגבלה וציור. דאָס הייסט, אַז אויך דער ציור ומדידה והגבלה פון „כל נהורין" שטייט אין אַן אופן פון למעלה ממדידה ו־הגבלה פון „אתפריעו"[27].

---

23) ראה סה"ש תנש"א ח"א ע' 5־274. וש"נ.

24) פרשתנו יו"ד, כח־כט.

25) ולכן הסכים משה לדברי פרעה „כן דברת לא אוסיף עוד ראות פניך", כי לדעתו — מצד דרגת משה — לא יתכן שאדם נברא, נשמה בגוף, יכיל בתוכו הגילוי דפרעה דקדושה. אבל באמיתית הענין — כן הוא בכח העצמות („בא אל פרעה"), כדלקמן בפנים.

26) ועי"ד „לא תוכל לראות את פני כי לא יראני האדם וחי" (תשא לג, כ).

27) ראה תו"ח שם (עז, סע"ד ואילך) ב' פירושים ב„פרעה" מלשון פריעה וגילוי: גילוי החיצוניות, וגילוי הפנימיות (שזהו אמיתית ענינה של פריעה, כנ"ל הערה 22). ושם (בהמשך לפירוש השני ב„אתפריעו"): „עיקר המכוון שהוא בהשתל־

און דער חיבור הפכים (פון „כל נהורין" און „אתפריעו") קומט דוקא מצד העצמות (כנ"ל ס"ג): ס'איז ידוע[28] אַז דער אור (קודם שנתגלה) איז כלול אין עצמות המאור ממש, נאָר דאָרטן איז דאָס ניט בבחי' אור; דאָרטן שטייט עס אין יכולת העצמות (און איז קדמון כקדמותו ית'[29]), וואָס ער איז נושא הכל וכל יכול, און „אתפריעו מיני' כל נהורין". און דעריבער, אויך ווי דער אור ווערט נמשך בגילוי (בציור אור), וואָס איז פאַרבונדן מיט עפּעס אַ ציור והגבלה (און מצ"ע איז דאָס ניט באופן פון „אתפריעו"), ווערט אין אים נמשך פון עצמות די שלימות הגילוי פון „כל נהורין", און נאָכמער — אַז די מדידה והגבלה פון „כל נהורין" גופא איז אין אַן אופן פון „אתפריעו", למעלה ממדידה והגבלה[30].

און דערפון ווערט נשתלשל למטה יותר דער כח אויף דעם חיבור הפכים פון בלי גבול וגבול (אין אור גופא), ולמטה יותר — דער חיבור פון אור וכלי[31], ביז — דער חיבור פון נשמה וגוף, אַז אויך אַ נשמה בגוף מוגבל זאָל קענען אויפנעמען דעם אור הבלי גבול ביז דעם גילוי פון „פרעה", „אתפריעו כל נהורין" פון עצמותו ית', און נאָכמער — אַז אַ נשמה בגוף זאָל דאָרטן קענען אַריינגיין („בא אל פרעה"), „אדרין בתר אדרין", בפנימיותו ובתוכיותו[32] ממש.

ה. דעם ביאור הטעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט דעם חידוש פון „בא אל פרעה", אַז משה אַלס נשמה בגוף זאָל קענען אויפנעמען דעם גילוי פון „אתפריעו כל נהורין" — וועט מען פאַרשטיין דורך ערקלערן דעם תוכן פון גאולת מצרים בכלל (וואָס „בא אל פרעה" איז די הקדמה והתחלה לזה, כנ"ל):

די כוונה פון גאולת מצרים איז — מתן תורה, ווי דער אויבערשטער זאָגט משה'ן גלייך בתחלת שליחותו: „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה"[33]. דער אויפטו פון מתן תורה איז — נתינת התורה והמצוות למטה צו אידן נשמות בגופים, בכדי מ'זאָל קענען אויספירן די תכלית וכוונה פון בריאת כל העולם: נתאווה הקב"ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים[34], אַז אין דער מדידה והגבלה והעלם והסתר פון אַ נשמה בגוף בתחתונים, זאָל זיין גילוי העצמות, (כביכול) אַזוי ווי אַן אדם וואָס געפינט זיך בגילוי בכל עצמותו אין זיין אייגענער דירה[21] (ומכ"ש אַזוי בנוגע צו דעם אויבערשטן, דער בורא העולם ומנהיגו), ווי עס וועט זיך אויספירן בשלימות הגילוי בגאולה האמיתית והשלימה (ומעין זה איז געווען באַ מתן תורה), כמ"ש[35] „ולא יכנף עוד מוריך"[36], ער וועט שטיין בגלוי אין זיין דירה בלי

---

שלות העולמות שיהי' התגלות הפנימי' בחיצוני' הכלי דוקא באופן שלא יסתיר הכלי לאור כלל וכמו שהי' במ"ת . . וכמו שיהי' לע"ל כו'".

28) המשך תרס"ו ע' קפב ואילך.

29) שם ע' קסט.

30) משא"כ מצד זה שעצמותו ית' הוא מופשט ולמעלה מכל גדר מאור ואור, הרי האור אינו מתייחס לעצמותו ית', והגילוי שלו אינו באופן ד„אתפריעו" שלמעלה ממדידה והגבלה, שזהו דוקא בכח העצמות.

31) ראה לעיל הערה 27.

32) ראה אוה"ת וארא ע' קצו (בפירוש „בא אל פרעה" דלעו"ז).

33) שמות ג, יב.

34) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא רפל"ו.

35) ישעי' ל, כ.

36) תניא שם (מו, א).

שום לבושים, אפילו ניט לבושים הכי עליונים (כנף העליון).

וכידוע[37] אַז קודם מתן תורה, איז געווען די „גזירה" צווישן עליונים ותחתונים, אַז עליונים לא ירדו למטה ותחתונים לא יעלו למעלה, און באַ מתן תורה איז געוואָרען דער ביטול הגזירה, די נתינת כח אויף ממשיך זיין אין תחתונים דעם גילוי פון עליונים, ביז די העכסטע דרגות אין אלקות, ביז פון עצמות ומהות, אַזוי, אַז דער גוף הגשמי אין עולם הזה הגשמי זאָל ווערן קדושה, ביז אַ דירה לו יתברך – אַז בכל העולם שטייט בגלוי ווי „ישראל וקוב"ה כולא חד"[38].

דערפון איז מובן, אַז אין גלות מצרים און יציאת מצרים – וועלכע זיינען אַ הכנה צו גילוי העצמות למטה באַ מתן תורה – איז אונטערשטראָכן די הקדמה צו דעם ביטול הגזירה, דער איבערגאַנג פון אַ מצב של פירוד בין עליונים ותחתונים צו דעם מצב פון אחדות ביניהם, אַלס צוגרייטונג צו שלימות האחדות ביניהם באַ מתן תורה עצמו.

ויש לומר אַז אַ שלב עיקרי בזה האָט זיך אויפגעטאָן דורך ציווי ה' למשה „בא אל פרעה", כדלקמן.

ו. ובהקדים, אַז עד"ז געפינט מען ב־תחלת שליחותו של משה צו אַרויסנעמען אידן פון מצרים:

בביאור טענת משה צו דעם אויבערשטן „לא[39] איש דברים אנכי גו' כי כבד פה וכבד לשון אנכי", און דעריבער איז „שלח[40] נא ביד תשלח"[41] – ווערט ערקלערט בכ"מ[42], אַז אין גלות מצרים איז „דיבור (משה) הוה בגלותא"[43], און דעריבער האָט משה גע־טענה'ט אַז דורך אים קען ניט זיין די גאולה למטה[44].

ובשרש הענינים איז דאָס צוליב מעלת משה, וואָס ער מצ"ע איז אין אַ דרגא וועלכע איז העכער פאַר גילוי בדיבור, העכער אפילו פאַר דער גילוי פון תורה שבכתב ותושבע"פ למטה [„כבד פה באורייתא דבעל פה וכבד לשון באורייתא שבכתב"[45]], משה[46] איז געווען „כבד פה" דערפאַר ווייל „שרשו מתהו ששם היו האורות גדולים ולא היו יכולים להתלבש בכלים, וזהו ענין כבד פה שלא הי' יכול להשפיע אור שכלו לתוך כלי הפה"[47], און דעריבער האָט ער געזאָגט „שלח נא ביד תשלח" (משיח צדקנו), „דהיינו מי שהוא מעולם ה־תקון"[47], וואו די כלים זיינען מרובים להכיל האורות.

37) ראה תנחומא וארא טו. שמו"ר פי"ב, ג. ועוד.

38) ראה זח"ג עג, א.

39) שמות ד, י.

40) שם, יג.

41) „ביד מן דכשר למשלח" (תרגום אונקלוס עה"פ), „שלח נא ביד אדם מדבר צחות שיהי' כשר וראוי לשליחות נכבדות כזאת כו'" (רמב"ן שם).

42) זח"ב כה, ב. ד"ה ויאמר גו' מי שם פה באוה"ת שמות ע' עה. ד"ה הנ"ל תרכ"ז (ע' עה ואילך). תרנ"ח (ס"ע עו ואילך).

43) לשון הזהר שם.

44) וראה ד"ה ויאמר גו' מי שם פה תרע"ח (ע' קלח), שפליאת משה היתה „איך יכול להיות גילוי אוא"ס עד למטה מטה, וגם ראה הקליפה הקשה דמצרים שמונע ומעכב ביותר כו'". וראה ד"ה זה תרל"ד (ע' קכ). תשי"ט.

45) זח"ג כח, רע"א. וראה מקומות שבהערה 42.

46) בהבא לקמן – ראה תו"א וארא ד"ה ויאמר גו' מי שם פה (נא, ד ואילך). תו"ח שם (נט, א ואילך).

47) ל' התו"א שם, ב.

און אויף דעם האָט אים דער אויבערשטער געענטפערט „מי שם פה לאדם גו' הלא אנכי הוי' גו' ואנכי אהי' עם פיך והוריתיך אשר תדבר"[48]: מצד עצמותו ית' וואָס ער איז כל יכול (און ער איז דער מקור אויף כלי הפה דעולם התיקון און אויף די אורות מרובים דתהו), קען ער אויפטאָן אַז אויך אין גלות מצרים, און אויך בא משה (וואָס מצ"ע איז ער העכער פאַר גילוי בכלים), זאָל זיין דער גילוי אין דיבור בפה, „ואנכי אהי' עם פיך", „פי', אף שמצד שרשך מתהו אין לך כלים כאלו אבל אנכי הוי' שעשיתי את הכלים דתקון ואת עולם התהו אני יכול להפך הדבר להת־ערב בחי' תהו ותקון יחד היינו המעלות דשניהם, שיהיו האורות מרובים כמו בתהו כו' וגם בחי' המעלה דתקון שיהיו הכלים מרובים מאד"[49].

נאָר דעמולט – אין מצרים – איז „ואנכי אהי' עם פיך" געווען אַ גילוי בדרך נס – אַז בשעת משה האָט גע־רעדט מיט פרעה „יהיו דבריו נכונים"[50] [און דערצו איז אויך „אהרן אחיך יהי' נביאך"[51], „ודברת אליו ושמת את ה־דברים בפיו גו'"[52], „הוא יהי' לך לפה"[53] – בכדי אַז עס זאָל אַרויסקומען אין גילוי הדיבור בשלימות, אויך ע"ד ה־טבע]. אָבער ער איז דעמולט ניט נתרפא געוואָרן[54], וואָס דערפאַר האָט משה דערנאָך געזאָגט „אני ערל שפתים"[55]. און דאָס איז געוואָרן דורך דעם גילוי פון „אנכי (אהי' עם פיך)" פון מתן תורה (התחלת עשרת הדברות[56]), וואָס דער־פאַר האָט עס בכח צו אויפטאָן יציאת מצרים („אף שהדיבור הוא בבחי' גלות"), „רק בכדי שיהי' גילוי הדיבור לגמרי בכללות העולם צ"ל שבירת קליפת מצרים" דורך „אנכי אהי' עם פיך"[57], און דאָס ברענגט דערנאָך – דעם גילוי ה־דיבור בא מתן תורה, „אנכי ה' אלקיך"[56], וואָס דעמולט[58] איז משה נתרפא גע־וואָרן לגמרי[57].

ז. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין דעם ענין פון „בא אל פרעה" דקדושה צוליב דעם וואָס „משה דחיל מיני'":

משה מצד דרגתו הוא (מצ"ע) – „כבד פה וכבד לשון" (צוליב די ריבוי אורות גדולים שלמעלה מכלים) – האָט מורא געהאַט ווי קענען די כלים אויפנעמען די אורות גדולים פון „אתפריעו כל נהורין"; און אין דעם איז באַשטאַנען דער חידוש וואָס דער אויבערשטער האָט אים אָנגעזאָגט „בא אל פרעה", „עייל לי' קב"ה אדרין בתר אדרין": דערמיט האָט דער אויבערשטער גע־געבן דעם כח – כח העצמות – אַז די כלים פון אַ נשמה בגוף זאָלן קענען אויפנעמען בפנימיות די אַלע גילויים נעלים פון עצמותו ית', „דאתפריעו ואת־גליין מיני' כל נהורין"[59].

48) שמות ד, יא־יב.

49) תו"א שם נב, סע"ב־ג. וראה תו"ח שם בסופו (סח, א): „הלא אנכי כו' כי כל יכול לעשות מתהו תיקון ומתיקון תהו . . יכול לעשות ג"כ היפך האור לכלי והכלי לאור . . ויכול להיות היש בבחי' אין והאין בבחי' יש כו'".

50) שמו"ר פ"ג, טו. הובא באוה"ת שבהערה 42.

51) וארא ז, א.

52) שמות שם, טו.

53) שם, טז.

54) דב"ר רפ"א. זח"ב שם. רמב"ן שמות ד, יו"ד. וראה גם שמו"ר שם.

55) וארא ו, יב. ל.

56) יתרו כ, ב. ואתחנן ה, ו.

57) סד"ה מי שם פה תרנ"ח (ע' פז).

58) דב"ר וזהר שבהערה 54.

59) ויש לומר, שזהו הפירוש ב„והקל נשמע בית פרעה", כמבואר בזהר שם (בהמשך לזה ש„בית

און דער טעם אויף דעם איז, ווייל אין דעם באַשטייט די תכלית ושלימות פון גאַנץ סדר השתלשלות, פון אַלע אורות, ביז פון בחי' פרעה, „אתפריעו כל נהורין" — צוליב דעם וואָס „נתאווה הקב"ה להיות לו יתברך דירה בתח־תונים", אַז אין דער מדידה והגבלה פון אַ נשמה בגוף בתחתונים, זאָל זיין דער גילוי העצמות. און דעריבער איז געווען „ויאמר ה' אל משה בא אל פרעה", אַז זייענדיק אַ נשמה בגוף גייט ער אַריין צו פרעה דקדושה און איז מקבל און נעמט אויף די העכסטע גילויים פון עצמותו ית', וואָס „אתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין כו'".

ח. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס „בא אל פרעה" איז אַ הקדמה און אַ התחלה פון דער גאולה,

[נוסף צום פירוש הפשוט, אַז דורך „בא אל פרעה" דלעו"ז ווערט דער ביטול ושבירה פון קליפת פרעה ווי ער שטייט בתקפו בארמון המלך[60], וואָס דאָס איז די התחלה פון דער גאולה — איז אין דעם פאַראַן אַן ענין עיקרי]:

די שלימות פון גאולת מצרים איז — ברענגען מתן תורה (צו אויספירן די כוונה פון דירה בתחתונים —) דער גילוי העצמות („אנכי") למטה צו אידן נשמות בגופים, אַ נשמה בריאה בגוף בריא [כידוע[61] אַז באַ מ"ת זיינען אַלע אידן נתרפא געוואָרען (כולל משה, כנ"ל). וי"ל אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָס דער אויבערשטער זאָגט אָן אידן פאַר מ"ת „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש"[62], אַז אויך ווי זיי זיינען אַ „גוי" בעולם הזה הגשמי, זיינען זיי „קדוש", ביז בדרגת „ממלכת כהנים" — „כהנים גדולים"[63], וואָס אַ כהן גדול דאַרף זיין בשלימות הן בגופו והן ב־ממונו[64], ואפילו בלבושיו — „לכבוד[65] ולתפארת"[66]], אַז ווי אידן שטייען אַלס נשמות בגופים זיינען זיי „כולא חד" מיט דעם אויבערשטן.

ועד"ז ווערט אויך נמשך אין עולם — דער חיבור פון עליונים ותחתונים וואָס האָט זיך אויפגעטאָן באַ מ"ת, ביז דער גילוי העצמות אין תחתונים.

והיות אַז דאָס איז אַ חידוש גדול (אַז אַ נברא, אַ נשמה בגוף מוגבל זאָל ווערן איין זאַך מיט בלי גבול, ביז מיט עצמות), ווי משה האָט זיך אויף דעם געוואונדערט און „דחיל מיני'" — דערי־בער, איז אַלס הכנה והקדמה לזה גע־

---

פרעה" הוא „ביתא דאתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין כו'"), „ובג"כ קב"ה אפיק כל נהורין וכל בוצינין בגין לאנהרא לההוא קול דאקרי קל בלא וא"ו" — שהגילוי דפרעה (שענינו קול ודיבור — ראה אוה"ת וישב (כרך ו') תתרצד, ב) מאיר גם בדרגת משה שהוא „כבד פה וכבד לשון" („קל בלא וא"ו"), לעשותו קול (בוא"ו), שהאור בא בגילוי בכלי הפה.

60) ראה בארוכה ד"ה בא העת"ר (המשך תער"ב ח"ב ע' תתמא). תש"ד (ע' 127). סה"ש תנש"א ח"א ע' 274 ואילך. וש"נ.

61) תנחומא יתרו ח. במדב"ר רפ"ז. וראה גם מכילתא (הובא בפרש"י) עה"פ יתרו כ, טו. ובכ"מ.

62) יתרו יט, ו.

63) בעה"ט עה"פ. וראה אגדת בראשית פע"ט [פ].

64) ראה יומא יח, א. וש"נ. רמב"ם הל' כלי המקדש רפ"ה.

65) תצוה כח, ב.

66) ויש לומר, שבדרגת הספירות, „כבוד" ו„תפארת" (מלכות ותפארת, הכוללות כל הספירות) הם ע"ד בלי גבול וגבול, כידוע שתפארת (ז"א) הוא „קצה אוא"ס", ומלכות (שרגלי' יורדות) הוא מקור לעולמות בי"ע (תו"א תרומה פא, א). ובבגדי כהונה שהם „לכבוד ולתפארת" נעשה חיבור שניהם יחד.

ווען „ויאמר ה' אל משה בא אל פרעה", אַז זייענדיק אַ נשמה בגוף (משה), ווי ער שטייט במדידה והגבלה און אין אַ מצב וואו עס קען זיין אַ סכנה (צוליב פרעה דלעו"ז), גייט ער אַריין בפנימיות צו פרעה דקדושה און איז מקבל און נעמט אויף די העכסטע גילויים פון עצמותו ית', וואָס „אתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין כו'"[67].

און דורך דעם וואָס אַזוי איז געווען באַ משה'ן, ווערט דערפון נמשך דער כח צו אַלע אידן, אַז זיי זאָלן קענען אויפ־נעמען דעם גילוי פון מתן תורה, ווען עס טוט זיך אויף דער חיבור פון גבול און בלי גבול, „אתפריעו כל נהורין" פון „נר מצוה ותורה אור"[68], אַז „כל נהורין" (גבול) שטייען אין אַן אופן פון „את־פריעו" (בלי גבול).

כידוע אַז תורה ומצוות מצד עצמן זיינען בעצם למעלה ממדידה והגבלה (חכמתו ורצונו של הקב"ה[69]). און דער חידוש בזה איז — אַז (ניט נאָר ווי זיי זיינען מצד עצמם, נאָר) אויך ווי זיי קומען אַראָפּ למטה (באַ מ"ת) אין מדידה והגבלה, און זייער קיום ושלימות איז אָפּהענגיק דוקא אין דער מדידה ו־הגבלה — איז זייער מדידה והגבלה גופא למעלה ממדידה והגבלה: הן אין תורה — סיי תורה שבכתב וועלכע האָט אַ הגבלה: אַ מספר מסויים פון אותיות וכו', און סיי תורה שבעל פה וואָס לימודה דאַרף זיין דוקא בשכלו והבנתו המוגבלת של האדם (וואָס דוקא דעמולט קען מען מאַכן אַ ברכת התורה)[70], ועאכו"כ אין מצוות וואָס יעדע מצוה האָט אַ מדידה והגבלה (די ריבוי פרטי הדינים (והידורים) בכל מצוה לפי ענינה) — איז די מדידה והגבלה גופא פון „כל נהורין" („נר מצוה ותורה אור") באופן פון „אתפריעו" למעלה ממדידה והגבלה [ע"ד „והי' מספר גו' אשר לא ימד ולא יספר מרוב"[71], וע"ד „מקום ארון אינו מן המדה"[72]].

און דערפון קומט עס אויך אַרויס אין דער עבודה פון אַ אידן מקבל התורה והמצוות, אַז אויך ווי ער שטייט אַלס אַ נשמה בגוף למטה, מיט די אַלע מדידות והגבלות דערמיט פאַרבונדן, דאַרף ער שטיין באופן פון למעלה ממדידה ו־הגבלה, ניט נאָר מצד דער חלק הנשמה שלו וואָס „נשמה שנתת בי טהורה היא"[73] ולמעלה מהגבלת הגוף, נאָר אפילו ווי ער שטייט אין אמת'ע מדידה והגבלה למטה (אין זיין גוף הגשמי), וואו ער דאַרף אָנקומען צו „ואתה משמרה ב־קרבי"[73] — קען און דאַרף ביי אים זיין „בא אל פרעה", „דאתפריעו כו' מיני' כל נהורין", אַז ער איז מקבל „כל נהורין", און נאָכמער — אַז זיין גבול עצמו איז

67) וי"ל שמזה נמשך הכח גם ל„בא אל פרעה" כפשוטו, כדי לבטל ולשבור קליפתו, שהרי תוקף הקליפה בא מהקב"ה, שלכן נאמר (בהמשך ל„בא אל פרעה") „כי אני הכבדתי את לבו" (ולכן דחיל ממנו משה), והכוונה פנימית בזה היא — כדי לבטל הקליפה ויהי' יתרון האור כו' (סד"ה בא העת"ר), ולכן ע"י „בא אל פרעה" בשרשו בקדושה — גילוי „כל נהורין" מעצמותו ית', נעשה גם הכח ל„בא אל פרעה" (יחד עם הקב"ה) להלחם עמו („לאגחא בי' קרבא") ולבטלו מכל וכל, שזהו רק „ביכלתו ית' שהוא כל יכול" (אוה"ת וארא ע' רלא. ד"ה ראה נתתיך תרל"א, עזר"ת (ע' קלד), תשט"ו. וראה לקו"ש חט"ז ע' 74 ואילך).

68) משלי ו, כג.

69) תניא פ"ד ואילך.

70) הל' ת"ת לאדה"ז ספ"ב. וש"נ.

71) הושע ב, א.

72) יומא כא, א. וש"נ.

73) נוסח ברכות השחר.

באופן פון „אתפריעו״, למעלה ממדידה והגבלה.

און דער טעם אויף דעם איז, ווייל „ישראל וקוב״ה כולא חד״ – ניט נאָר מצד זיין נשמה למעלה (אָדער אַ חלק פון זיין נשמה), נאָר כל מציאותו – אַלס נשמה בגוף יחד – איז „כולא חד״ מיט דעם אויבערשטן, כביכול, וואָרום העצם כשאתה תופס בחלקו אתה תופס ב־כולו[74].

וכמובן אויך פון דעם פס״ד (וכדעת הרמב״ן[75]) אַז תכלית שלימות השכר ו(במילא) שלימות כל הענינים איז דוקא צו נשמות בגופים בתחיית המתים (און ניט צו נשמות בלי גופים, כדעת ה־רמב״ם[76]). ואדרבה – לע״ל הנשמה ניזונית מן הגוף[77].

ט. ע״פ הנ״ל וועט מען אויך פאַר־שטיין דאָס וואָס משה האָט געזאָגט פרעה׳ן בהמשך הפרשה[78] „גם אתה תתן בידינו זבחים ועולות ועשינו לה׳ אלקינו״, און דערנאָך – דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט משה׳ן „דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו ואשה מעת רעותה כלי כסף וכלי זהב, ויתן ה׳ את חן העם בעיני מצרים גם האיש משה גדול מאד בארץ מצרים בעיני עבדי פרעה ובעיני העם״[79], און דערנאָך חזר׳ט דאָס איבער די תורה ווען אידן האָבן דאָס מקיים געווען בפועל: „ובני ישראל עשו כדבר משה וישאלו ממצרים גו׳ וה׳ נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום וינצלו את מצרים״[80] [נוסף אויף דעם ערשטן מאָל וואָס דאָס שטייט בפ׳ שמות[81]. קומט אויס אַז די תורה חזר׳ט דאָס איבער דריי מאָל!].

דלכאורה אינו מובן: פאַרוואָס איז נוגע צו גאולת מצרים אַז „גם אתה תתן בידינו גו׳״, און אַז דער „וינצלו את מצרים״ זאָל זיין דוקא באופן פון „וישאילום״, און נאָכמער – דוקא מתוך חן, ביז אַז דער אויבערשטער אַליין פאַרזיכערט אַז עס זאָל אַזוי זיין („וה׳ נתן את חן העם בעיני מצרים״)? בשעת אידן האָלטן ביי אַרויסגיין פון מצרים, נאָך הונדערטער יאָרן שעבוד, האָט מען געדאַרפט זוכן וועגן וואָס שנעלער שוין פון דאָרט אַנטלויפן, און ניט זיך אָפּ־האַלטן צוליב... נושא חן זיין באַ די מצריים?! אפילו אויב עס האָט גע־דאַרפט זיין „וינצלו״ (בכדי מקיים זיין הבטחת ה׳ לאברהם[82] „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול״), פאַרוואָס דאַרף דאָס זיין דוקא באופן פון שאילה [זיי האָבן דאָך געקענט נעמען די כלים בשעת מכת חו־שך, וכיו״ב] און דוקא מיט נשיאת חן[83]?

ויש לומר דעם ביאור אין דעם: ווי־באַלד אַז די כוונה פון גאולת מצרים איז בכדי צו אויפטאָן אַ דירה בתח־תונים, איז די שלימות בזה (ניט בדרך שבירה, נאָר) דוקא בשעת גשמיות

74) כתר שם טוב בהוספות סקט״ז. וש״נ.

75) שער הגמול בסופו. וראה הנסמן בסה״מ מלוקט ח״ה ע׳ קסה הערה 126.

76) הל׳ תשובה פ״ח ה״א־ב. פיה״מ סנהדרין פ׳ חלק ד״ה ועתה אחל.

77) המשך וככה תרל״ז פפ״ח ואילך. סה״מ תרח״ץ ע׳ ריט. וראה גם סה״ש תורת שלום ס״ע 127 ואילך. סה״מ קונטרסים ח״ב תיג, ב. ובכ״מ.

78) יו״ד, כה.

79) יא, ב־ג.

80) יב, לה־לו.

81) ג, כא־כב.

82) לך לך טו, יד.

83) וראה נחלת יעקב פרשתנו (י, כב), שהנשיאת חן בעיני מצרים נעשתה מזה שהמצריים ראו שבנ״י לא לקחו מעצמם הכלים בעת מכת חושך.

העולם אַליין, ביז דער מנגד אַליין (די מצריים), איז „מסכים" ברצונו[84] צו מסייע זיין (עד כמה שאפשרי) צו דער גאולה.

[אמת טאַקע, דאָרטן וואו עס העלפט ניט קיין אַנדער וועג סיידן ביטול ושבירה פון דעם מנגד – ווי דאָס איז געווען דורך מכות מצרים – דאַרף אַזוי זיין דער סדר בלית ברירה כביכול; אָבער לאחרי זה, וואו מ'קען נאָר אויס־פירן, זוכט מען אַז עס זאָל זיין דוקא בדרכי נועם כו'].

וואָס דאָס ווערט אַ הכנה צו שלימות הענין פון דירה לו יתברך בתחתונים ב־גאולה האמיתית והשלימה, ווען אויך דער „נחש" – „תנין הגדול" (פרעה) – וועט זיין אַ „שמש גדול"[85] צו קדושה[86].

י. אין גאולת מצרים איז אָבער ניט געווען די שלימות בירור התחתון, כ־מובן דערפון וואָס עס האָט געדאַרפט זיין „כי ברח העם"[87], „בחפזון יצאת מארץ מצרים"[88], ווייל דער רע איז נאָך געווען בתוקף כו'[89] (כמובן גם מזה וואָס דערנאָך „וירדוף (מצרים) אחרי בני ישראל"[90], און יצי"מ איז ניט נשלם געוואָרן ביז „ויראו[91] ישראל את מצרים מת על שפת הים"[92]).

שלימות בירור העולם וועט זיין דוקא בסוף גלות זה האחרון, בגאולה האמיתית והשלימה, „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", וואָס דעריבער וועט די יציאה פון דעם גלות אין דער גאולה זיין באופן אַז „לא בחפזון תצאו ובמנוסה לא תלכון"[93], ווייל „ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ", און דערי־בער וועט מען אַרויסגיין פון גלות (בזריזות, אָבער) באופן פון מנוחת הנפש ומנוחת הגוף, בתכלית השלימות וה־בריאות – נשמות בגופים, און מ'גייט גלייך איבער (בלי הפסק כלל) צו חיים נצחיים פון נשמות בגופים בגאולה האמיתית והשלימה (תכלית ושלימות השכר, כנ"ל).

יא. דער ענין הנ"ל האָט אויך אַ שייכות מיט יו"ד שבט, דער יום ההי־לולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וועלכער ווערט געבענטשט[94] (בשנה זו) פון שבת פ' בא אל פרעה [און די הסתל־קות איז געווען (בשנת ה'שי"ת) בשבת פ' בא עצמה]:

ס'איז ידוע אַז אין דעם יום ההילולא פון אַ צדיק איז זיין נשמה עולה למעלה, צוזאַמען מיט „כל מעשיו ותורתו ועבו־דתו אשר עבד כל ימי חייו"[95], און דאָס איז „מתגלה ומאיר בבחי' גילוי מלמע־לה למטה . . ופועל[96] ישועות בקרב ה־ארץ"[97].

און אין דעם יאָרצייט בכל שנה ושנה

---

84) וכבר שקו"ט במפרשים בגדר נתינה זו – ראה לקו"ש חכ"א ע' 12 ואילך. חכ"ד ע' 87 ואילך. וש"נ.

85) ראה סנהדרין נט, ב.

86) ומעין זה נעשה ע"י הפיכת התנין למטה, ע"ד אז אהפוך אל עמים שפה ברורה גו' (צפני' ג, ט. אוה"ת וארא ע' קצה).

87) בשלח יד, ה.

88) פ' ראה טז, ג.

89) ראה תניא פל"א (מ, ב).

90) בשלח יד, ח.

91) שם, ל.

92) שעד אז היתה אימת מצרים עליהם (שהרי „איקטורין שלח עמהם" – פרש"י בשלח יד, ה, ממכילתא עה"פ). וראה גם סה"מ מלוקט ח"ד ע' רכו הערה 16.

93) ישעי' נב, יב.

94) ראה זח"ב סג, ב. פח, א.

95) תניא אגה"ק סי' ז"ך (קמז, א־ב).

96) תהלים עד, יב.

97) אגה"ק סכ"ח (קמח, א).

קומט צו אַן עלי' שלא בערך אין דער נשמה פון דעם בעל ההילולא (וואָס דאָס איז דער טעם אויף אמירת קדיש ביום היאָרצייט בכל שנה[98]), און אַן עלי' „בעילוי[99] אחר עילוי"[100].

ובסגנון פון היינטיקער פרשה: אין דעם טאָג פון יו"ד שבט ווערט באַ דעם בעל ההילולא – דער משה רבינו שב־דורנו (כידוע[101] אַז אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא[102]) – „בא אל פרעה", „דעייל לי' קב"ה אדרין בתר אדרין" („בעילוי אחר עילוי") אל פרעה ד־קדושה, „דאתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין". ובכל שנה – ועד"ז בשנה זו – קומט אין דעם צו אַן עלי' נעלית יותר, ביז – שלא בערך.

און דער גילוי פון „בא אל פרעה" באַ דעם נשיא הדור – וואָס „הנשיא הוא הכל"[103] – ווערט נמשך ומתגלה למטה און איז „פועל ישועות בקרב הארץ", באַ כל אנשי הדור (ובפרט מצד בחי' משה שבכאו"א מישראל[104]), נשמות בגופים דוקא.

ובפרט אַז דורנו זה – ווי דער בעל ההילולא האָט געזאָגט – איז דער דור האחרון פון גלות און דער דור הראשון פון דער גאולה, וואָס דער דור (ד־עקבתא דמשיחא) איז אַ גלגול פון דעם דור יוצאי מצרים[105], במילא פאַר־שטאַרקט דאָס נאָכמער דעם פאַרגלייך פון דעם בעל ההילולא נשיא דורנו (משה שבדורנו) מיט משה שבדורו – כמאחז"ל[106] אַז משה „הוא גואל ראשון הוא גואל אחרון".

וכמדובר כמ"פ, אַז נשיא דורנו האָט אַ שייכות מיוחדת מיט גאולת כלל ישראל (פון דעם דור און פון אַלע דורות) בגאולה האמיתית והשלימה, ווי ס'איז מרומז בשמו „יוסף יצחק": „יוסף על שם שעתיד הקב"ה להוסיף ולגאול את ישראל . . כשם שגאל אותם ממצ־רים, דכתיב[107] והי' ביום ההוא יוסיף אדנ' שנית ידו וגו'"[108], און „יצחק" – על שם „כל השומע יצחק לי"[109], וואָס שלימות הצחוק והשמחה וועט זיין אין דער גאולה („אז ימלא שחוק פינו ול־שוננו רנה"[110]), ווי מ'האָט געזען בפועל אַז די עבודה והנהגה פון בעל ההילולא האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט וואָס דאָס איז געווען דוקא מתוך שמחה.

און דער פלא אין דעם איז נאָך שטאַרקער נעמענדיק אין באַטראַכט אַז ער איז געווען אַ בעל יסורים גשמיים ל"ע, ביז באופן אַז דאָס האָט גע'פועל'ט אויך אויף זיינע ענינים רוחניים (כד־לקמן).

דערפון איז נאָכמער מובן, ווי דער „אתפריעו כל נהורין" באַ דעם בעל ההילולא (ובפרט ביום ההילולא), כולל בהנהגתו מתוך שמחה, ווערט נמשך צו יעדער איד און אַלע אידן פון דעם דור, אַז אַלס נשמות בגופים זאָלן זיי קענען אויפנעמען די אורות גדולים.

98) ראה לקו"ש חכ"ו ע' 329 הערה 15.

99) ל' האגה"ק בביאור לסי' ז"ך (קמז, א).

100) ראה לקו"ש שם ע' 329 ואילך. וש"נ.

101) זח"ג רעג, א. תקו"ז תס"ט. וראה תניא פמ"ד (סג, א). ועוד.

102) ובב"ר פנ"ו, ז: ואין דור שאין בו כמשה.

103) פרש"י חוקת כא, כא.

104) תניא רפמ"ב.

105) שער הגלגולים הקדמה כ. ל"ת וספר הליקוטים להאריז"ל שמות ג, ד.

106) ראה שמו"ר פ"ב, ד. שם, ו. זח"א רנג, א. ש' הפסוקים פ' ויחי. תו"א משפטים עה, ב.

107) ישעי' יא, יא.

108) שמו"ר פ"א, ז.

109) וירא כא, ו.

110) תהלים קכו, ב.

יב. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס באַ דעם בעל ההילולא איז דאָ דער גילוי פון "בא אל פרעה" – איז דאָס איצטער בפועל אין אַן אופן ווי ער שטייט אַלס אַ נשמה למעלה מהגוף. וע"פ המדובר לעיל בארוכה, איז פאַרשטאַנדיק אַז תכלית השלימות בזה איז דוקא בשעת דער "אתפריעו כל נהורין" ווערט נתגלה אין אַ נשמה בגוף, ווי עס וועט זיין באַ דעם בעל ההילולא תיכף ומיד ממש ווען "הקיצו ורננו שוכני עפר"[111].

נאָכמער: אויך בחיים חיותו בעלמא דין האָט דער בעל ההילולא געליטן יסורים גשמיים, וועלכע האָבן אויך גע־פועל'ט אויף זיינע ענינים רוחניים, כולל – דאָס וואָס בשנים האחרונות איז ביי אים געווען בדוגמת המצב פון "כבד פה וכבד לשון" באַ משה רבינו... און דאָס האָט גע'פועל'ט בנוגע צו זיין אופן פון אמירת חסידות והפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה...

ועד כדי כך, אַז אפילו זיין רופא (וועלכער איז געווען אויך אַ פּראָפע־סאָר, וואָס דאָס איז אַ מעלה נוספת לגבי סתם אַ רופא) האָט אים אַמאָל געפרעגט בטענה – היתכן אַז זיינע יסורים זאָלן אָנרירן דוקא זיין כח ה־דיבור, באופן כזה אַז ער קען ניט אויס־פירן שליחותו בעולם ווי ער וואָלט געוואָלט?! ער – דער בעל ההילולא – איז דער וואָס קאָכט זיך אַזוי שטאַרק אין הפצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה. האָט דער אויבערשטער אים אַליין געדאַרפט געבן די פולע מעגלעכקייט צו קענען דאָס דורכפירן מיטן גאַנצן פאַרנעם, ובמילא האָט ער געדאַרפט קענען מושל ושולט זיין אויף זיין כח הדיבור, וואָס דורך דיבור (בעיקר) איז מען מפיץ תורה ויהדות (דורך זאָגן מאמרי חסידות, און געבן הוראות וכו'). ואדרבה: וויבאַלד אַז ער קאָכט זיך אַזוי אין דער עבודה, האָט ביי אים געדאַרפט זיין (ניט בלויז ניט האָבן קיינע מניעות ועיכובים בערך צו אַנדערע, נאָר אדרבה –) נאָכמער כחות אויף דעם ווי ביי אַנדערע מענטשן!

איז היתכן – האָט דער דאָקטאָר געפרעגט – אַז ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, זעט מען ביי אים פונקט דעם היפך – אַז זיינע יסורי הגוף האָבן אָנ־גערירט זיין כח הדיבור בגשמיות, וואָס דאָס פועל'ט אויך אַז עס זאָל בפשטות אָנרירן (כביכול) זיין דיבור במאמרי חסידות וכיו"ב, וואָס בפשטות העינינים האָט עס גע'פועל'ט אַז דאָס זאָל זיין ווייניקער (בכמות) לגבי ווי עס האָט געדאַרפט זיין, סיי בהתפשטות הדיבור שלו באמירת מאמרי חסידות, און סיי בהתפשטות דברי חסידות שלו בכתב (ווייל אויב ער וואָלט געזאָגט מערערע מאמרים, וואָלט אויך צוגעקומען אין דער "חזרה" פון די מאמרים, און אויך אין רשימות בכתב).

און אע"פ אַז ס'איז ניט שייך פרעגן שאלות אויף דער הנהגה פון דעם אויבערשטן בעולמו, ובפרט מיט אַ נשיא הדור, און ס'איז ניט שייך זאָגן "ווי עס האָט געדאַרפט זיין" און "ווי עס האָט ניט געדאַרפט זיין" – אעפ"כ, האָט דער אויבערשטער איינגעשטעלט דעם סדר אַז "איני מבקש לפי כחי אלא לפי כחן"[112], אַז מ'זאָל זיך משתדל זיין דאָס צו פאַרשטיין בשכל אנושי פון יעדן אידן "לפי כחן".

ובפרט בנדו"ד – אַז דאָס איז ניט בלויז אַ שאלה ע"פ שכל (פון אַ רופא),

111) ישעי' כו, יט.

112) במדב"ר פי"ב, ג.

היתכן אַז דער נשיא הדור קען ניט אויספירן שליחותו ווי ער וואָלט געוואָלט, נאָר דאָס איז אויך אויסגעהאַלטן ע"פ התורה – כמובן פון דעם וואָס ווען משה האָט געטענה'ט צו דעם אויבערשטן „כבד פה וכבד לשון אנכי", „ואני ערל שפתים", און דעריבער „שלח נא ביד תשלח", האָט אים דער אויבערשטער גלייך געענטפערט: „אנכי אהי' עם פיך", און זיך ניט באַנוגנט דערמיט, נאָר אויך – אַז „אהרן אחיך . . יהי' לך לפה", וואָס דורך אהרן זיינען דברי משה אַרויס בדיבור גשמי ממש!

ויש לומר, אַז דאָס וואָס איז געווען באַ כ"ק מו"ח אדמו"ר איז ע"ד ווי ס'איז געווען באַ משה בדורו (כנ"ל ס"ו): וויבאַלד עס האָט זיך נאָך ניט געענדיקט שלימות הבירור, דעריבער איז „הדיבור הוא בגלות" (און משה מצ"ע איז העכער פאַר דעם גילוי אין דיבור), און דער אויבערשטער האָט אים ניט מרפא געווען, נאָר געמאַכט אַ נס אַז „ואנכי אהי' עם פיך", „יהיו דבריו נכונים":

און דער תיקון ומילוי הדבר בתכלית השלימות ווערט אויפגעטאָן – בכחו פון דעם בעל ההילולא – דורך די נשמות בגופים, נשמות בריאות בגופים בריאים, פון אונזער דור, דער דור התשיעי, וואָס מיר האָבן דעם כח צו אויפטאָן דעם תפקיד פון „אהרן אחיך יהי' נביאך", דורך אַרויסברענגען בדיבור בפועל (באופן פון „הקול נשמע בית פרעה"), ובשפע רב, די דברי תורה און הוראות וכו' פון דעם בעל ההילולא, ביז אַז דער דור איז דער דור ווען עס ווערט מקויים – ותיכף ומיד ממש – „שלח נא ביד תשלח"[113], וואָס דורך משיח צדקנו פירט זיך דורך בשלימות דער גילוי האורות בכלי הדיבור (כנ"ל ס"ו).

[וי"ל, אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם ר"ת פון „מיד" – משה, ישראל (הבעש"ט), דוד (מלכא משיחא): די שלימות פון עבודת משה און עבודת הבעש"ט (וואָס ער איז כולל אַלע רבותינו נשיאינו, ביז נשיא דורנו) ווערט דורכגעפירט דורך דוד מלכא משיחא, „שלח נא ביד תשלח"].

יג. ויש לומר אַז ענין הנ"ל איז אויך מרומז אין דער קביעות פון יו"ד שבט בשנה זו – ביום הרביעי בשבוע, שבו „נטלו המאורות אָבער בו ביום איז נתלו המאורות, נתלו בתי"ו[114]:

אין דעם טאָג איז געווען די הסתלקות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (נטלו המאורות). אָבער ניט באופן אַז דאָס בלייבט באַ „נטלו" ח"ו, נאָר פון דעם „נטלו" איז געוואָרן גלייך נתלו „שני המאורות הגדולים"[115] באופן נעלה יותר – כידוע אַז דורך הסתלקות ווערט נאָך אַ העכערע עלי' וגילוי (מבחי' „אסתלק יקרא דקוב"ה בכולהו עלמין"[116]), און דעמולט איז די נשמה „אשתכח בכלהו עלמין יתיר מבחיוהי"[117]; און דורך זיינע חסידים ותלמידים וועלכע זיינען מקושר צו אים אַלס נשמות בגופים דאָ למטה אין דעם דור התשיעי (תשיעי מיט אַ תי"ו, ע"ד דער תי"ו פון „נתלו" לגבי דעם טי"ת פון „נטלו") – ווערט אויפ-

113) ראה בארוכה לעיל [סה"ש תשנ"ב ח"א] ע' 97 ואילך.

114) לקו"ד ח"א מב, סע"א ואילך. וראה ז"ח בלק ד"ה אראנו (נה, ב).

115) בראשית א, טז.

116) ראה תניא פכ"ז ולקו"ת ר"פ פקודי (מזח"ב קכח, ב. ועוד). תו"א ויקהל פט, ד. לקו"ת חוקת סה, ג. וראה ד"ה באתי לגני ה'שי"ת פ"א.

117) זח"ג עא, ב. הובא ונת' באגה"ק סכ"ז וביאורה (קמו, א ואילך).

געטאָן אויך למטה די שלימות פון „נתלו המאורות״, „אתפריעו ואתגליין מיני׳ כל נהורין״ אין אַ נשמה בגוף למטה.

דערפון איז מובן דער חידוש פון אונזער דור — דער דור התשיעי לגבי כל הדורות שלפני זה, ביז אויך בדור שלפנ״ז (דור השמיני): וויבאַלד אַז די גאולה איז דעמולט ניט געקומען בפועל, איז דער „בא אל פרעה״ (דער גילוי פון „אתפריעו כל נהורין״ למטה) ניט געווען בתכלית השלימות אַלס נשמה בגוף בריא (ס׳איז געווען די הסתלקות הנשמה מן הגוף, און אויך די נשמה בגוף איז געווען במצב אַז דער „הדיבור הוא בגלות״ וכו׳); משא״כ בדורנו זה — דער דור האחרון פון גלות ודור הראשון פון גאולה — ווערט תומ״י „נתלו המאורות״, אַז ניט נאָר וואָס עס פעלט ניט ח״ו אין די מאורות הגדולים פון גילוי תושב״כ און תושבע״פ[118], נאָר אדרבה — עס קומט צו נאָך אַ העכערע שלימות בזה [ניט באופן פון „כבד פה מאורייתא שבע״פ וכבד לשון מאורייתא שבכתב״, זייענדיק למעלה מזה], באופן אַז אַלס נשמות בגופים נעמט מען אויף בפנימיות „אתפריעו כל נהורין״ וואָס „נתלו״ איצ־טער, דורך דעם וואָס עס קומט גלייך משיח צדקנו, „שלח נא ביד תשלח״, וילמד תורה את כל העם כולו[119], ביז „תורה חדשה מאתי תצא״[120],

און דאָס טוט אויף די שלימות ועלי׳ פון כל הדורות שלפנ״ז, דורך דעם וואָס „הקיצו ורננו שוכני עפר״, און דער בעל ההילולא בראשנו.

דער חידוש פון דעם דור לגבי הדורות שלפני זה — זעט מען בפועל אין דער עבודה פון דעם דור: בדורנו זה איז צוגעקומען ביז שלא בערך לגבי הדורות שלפנ״ז אין דער עבודה פון הפצת התורה והיהדות און הפצת ה־מעינות חוצה, הן אין דעם ריבוי השפע (די ספרים הנדפסים וכו׳), און הן אין מאַכן פון דער גאַנצער וועלט, ביז אין חוצה שאין חוצה ממנו, אַ כלי צו אויפ־נעמען די אורות גדולים, סיי בנוגע צו אידן — דורך די תרי״ג מצוות, און סיי בנוגע צו אוה״ע — דורך הפצת השבע מצוות בני נח[121], אַזוי אַז מ׳באַלייכט די גאַנצע וועלט מיט „נר מצוה ותורה אור״ באופן פון „אתפריעו כל נהורין״, אַז יעדערער קען אויפנעמען דעם אור אַלס אַ נשמה בריאה בגוף בריא,

ביז אַז מ׳זעט בפועל (ווי גערעדט כמ״פ לאחרונה) ווי די אומות העולם בכו״כ מדינות זיינען מסייע אידן אין זייער עבודה (ע״ד און נאָכמער ווי ס׳איז געווען באַ יציאת מצרים), ביז אַז אויך מדינה ההיא וועלכע איז געווען סגורה ומסוגרת אַ ריבוי שנים, און מ׳האָט פון דאָרט ניט אַרויסגעלאָזט אידן און זיי ניט דערלאָזט צו מקיים זיין תומ״צ בשלימות וכו׳ — איז לאחרונה נשתנה געוואָרן מן הקצה אל הקצה, און איצטער איז ניט נאָר וואָס מ׳לאָזט אידן זיך פירן דאָרט ווי ביי זיי קומט אויס, און מ׳לאָזט זיי פון דאָרט אַרויספאָרן, נאָר נאָכמער — מ׳איז זיי דערצו מסייע.

ביז אַז מ׳זעט היינט בפועל אַז נוסף

118) ראה של״ה בהקדמתו טז, סע״א. מס׳ שבועות שלו קצא, א. וראה לקו״ת שה״ש יא, ד. אוה״ת בראשית יד, א. לו, סע״ב. במדבר ע׳ מו. מג״א ע׳ ב׳שמא (בהוצאת תש״נ — ע׳ קמט). נ״ך ע׳ ריז. ועוד. וראה לקו״ש ח״ל ע׳ 10 ואילך.

119) ראה רמב״ם הל׳ תשובה פ״ט ה״ב. לקו״ת צו יז, א ואילך. ובכ״מ.

120) ישעי׳ נא, ד. ויק״ר פי״ג, ג.

121) ראה רמב״ם הל׳ מלכים פ״ח ה״י.

לזה וואָס אידן זיינען „הכן כולכם" צו דער גאולה, שטייען אויף די אוה"ע „הכן כולכם" אַז אידן זאָלן שוין אַרויס־גיין פון גלות און גיין אין ארץ ישראל בגאולה האמיתית והשלימה,

און נשמות בגופים בלי שום הפסק כלל, קומט מען גלייך צו תכלית השלי־מות פון „בא אל פרעה" בגאולה האמי־תית והשלימה, די שלימות הגילוי פון „אתפריעו כל נהורין", „והי' לך הוי' ל־אור עולם"[122].

יד. דערפון איז מובן דער לימוד איצטער פון „בא אל פרעה":

מ'האָט גערעדט כמ"פ, אַז ס'איז שוין „כלו כל הקיצין"[123] און מ'האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט, און די גאולה האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט קומען, און מפני טעמים שאינם מובנים כלל וכלל איז זי נאָך ניט געקומען.

דערפון איז מובן, אַז עכ"פ איצטער, דאַרף די גאולה קומען תיכף ומיד ממש. ובלשון העולם: ס'איז די העכסטע צייט אויף דער גאולה האמיתית והשלימה!

ולהעיר, אַז אין דעם לשון „העכסטע צייט" איז מרומז דער תוכן פון גאולה — אַז „צייט" (זמן), וואָס איז פאַרבונדן מיט מדידה והגבלה (עבר הוה ועתיד), ווערט די „העכסטע (צייט)", באופן שאין ל־מעלה ממנו. ד.ה. אַז דער גבול (צייט) עצמו ווערט בלי גבול (העכסטע), ביז באופן אַז זיי ווערן איין זאַך ממש, ע"ד המדובר לעיל בענין „אתפריעו כל נהורין".

ואדרבה: דער עיקר הדגשה בזה איז אויף דעם גבול פון זמן גשמי („צייט") — ווייל ברוחניות הענינים (ביז אין די „העכסטע" דרגות) האָט מען שוין שלי־מות הענינים ביז אויך די שלימות פון גאולה (רוחנית), די עיניים רוחניים פון אַ אידן זעען שוין די גאולה; איצטער דאַרף זיין די פתיחה פון די עיניים גשמיים, אַז אויך זיי זאָלן זען די גאולה ווי זי איז בגלוי לעיני בשר אין דעם איצטיקן צייט.

וכמובן אויך בפשטות: דער עיקר בענקעניש וגעגועים צו דער גאולה איז ניט אַזוי מצד הרוחניות והנשמה, ווייל מצד רוחניות הענינים איז די נשמה ב־שלימות און אַלע ענינים זיינען בשלימות (און הגם אַז אַ איד געפינט זיך אַ נשמה בגוף אין עולם הזה הגשמי, איז מצד הנשמה והרוחניות הערט זיך ניט אָן דער חושך פון עולם), משא"כ מצד גשמיות הענינים של הגוף, דאָרטן הערט זיך אָן בעיקר דער העלם והסתר, און במילא — איז דאָס נאָך שטאַרקער מעורר די געגועים צו דער גאולה.

און דער חידוש פון דער גאולה באַשטייט אין דעם, אַז דער גילוי פון „אתפריעו כל נהורין" וועט זיין אויך אין גשמיות העולם הנראה לעיני בשר, אין מקום וזמן גשמי, עס זאָל ווערן אַ דירה לו ית' בתחתונים. ואדרבה: אין דעם באַשטייט די שלימות אויך פון רוחניות (וואָס דערפאַר איז לע"ל הנשמה ניזונית מן הגוף), דערפאַר וועט די גאולה בגשמיות העולם ברענגען גאולה בכל העולמות והדרגות למעלה.

טו. ובנוגע לפועל:

שטייענדיק אין די ימי ההכנה צו יו"ד שבט, דער יום ההילולא פון נשיא דורנו — ווען עס קומט צו אָן עלי' אין דעם נשיא הדור כ"ק מו"ח אדמו"ר, און דורך אים — אין כל אנשי הדור, נשי הדור וטף הדור — דאַרף יעדער איד פון דעם

122) ישעי' ס, יט.

123) סנהדרין צז, ב.

דור, אנשים נשים וטף, אָננעמען החלטות טובות בנוגע צו אַלע ענינים וואָס דער בעל ההילולא האָט געמאָנט, אָנהויבנדיק פון „נר מצוה ותורה אור", לימוד התורה (תושב"כ ותושבע"פ) וקיום המצוות בהי־דור, הן בנוגע לעצמו והן בנוגע להזולת – די עבודה פון הפצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה, באופן פון „בא אל פרעה", מאַכן יעדער איד פאַר אַ כלי צו אויפנעמען „אתפריעו כל נהורין" פון די „שני המאורות הגדולים", תושב"כ ותושבע"פ, נגלה דתורה ופני־מיות התורה,

כולל ובמיוחד – דורך מוסיף זיין אין לימוד התורה פון דעם בעל ה־הילולא עצמו און מקיים זיין זיינע הוראות.

וכל זה בהדגשה – אַז יעדערער זאָל אויף זיך אָננעמען אַז זיין לימוד בתורתו פון דעם בעל ההילולא זאָל אויך משלים וממלא זיין דאָס וואָס האָט גע־פעלט אין דער התפשטות והפצת ה־מעינות צוליב דער מניעה ועיכוב בכח הדיבור פון דעם בעל ההילולא, סיי דורך דעם אייגענעם לימוד בדיבור און סיי אין הפצת המעינות חוצה צו אַנ־דערע.

טז. ובפרטיות יותר – האָט זיך דער בעל ההילולא אָפּגעגעבן מיט יעדער סוג פון אידן לפי ענינו ווי מ'האָט געזען די פנים צהובות ושמחות וואָס דער בעל ההילולא האָט געוויזן צו יעדן אידן, אנשים נשים טף – אנשים לפי ענינם, נשים – לפי ענינן, און טף – לפי ענינם.

אין דעם איז באַשטאַנען איינער פון די חידושים פון נשיא דורנו, אַז בשנותיו האחרונות בפרט האָט ער זיך מוסר נפש געווען אויף הפצת התורה והיהדות – ובמיוחד לימוד התורה וחינוך – פון נשי ובנות ישראל און פון טף בישראל (וואָס דאָס איז אַ חידוש פאַר אַ נשיא ב־ישראל).

והגם אַז מ'געפינט דוגמתו באַ גדולי ישראל בשנים שלפנ"ז [כידוע פון זייערע מכתבים וכיו"ב], איז דאָס ניט נתקבל געוואָרן ביי אַלעמען, און אפילו באַ די באַ וועמען ס'איז נתקבל געוואָרן איז דאָס געווען מיט כמה הגבלות; משא"כ די פעולות בזה פון דעם בעל ההילולא זיינען נתפשט געוואָרן און האָבן דערגרייכט בריבוי מקומות בעו־לם, והולך ומתפשט, און דורך דעם איז צוגעקומען שלא בערך אין לימוד ה־תורה פון נשי ובנות וטף בישראל.

דערפון האָט מען די הוראה – אַז דער חיזוק הפעולות בקשר מיט יו"ד שבט דאַרף זיין מיט אַלע סוגים צווישן אידן, אנשים נשים וטף, און יעדער סוג – לפי ענינו. און מיט ספּעציעלע אַכט צו די פעולות מיט נשי ובנות ישראל און טף, וואָס נוסף צו זייער אייגענע עבודה קומט דורך דעם צו אויך אין דער עבודה פון כל בני הבית, אויך די אנשים:

טף טיילן זיך אויס דערמיט וואָס מ'־דאַרף זיי מחנך זיין ביסלעך־ווייז, לויט זייערע כלים, באופן אַז זיי זאָלן דאָס קענען אויפנעמען. ובלשון הכתוב[124] – אַז יוסף (ועד"ז יוסף בדורנו) האָט צוגע־שטעלט „לחם לפי הטף". ונוסף לזה: טבע פון טף איז אַז זיי זיינען מפרר את האוכל[125], וואָס דורך דעם קען דער

124) ויגש מז, יב.

125) ראה פסחים י, ב. – וראה מפרשים עה"פ ויגש שם (לק"ט, רא"ם ושפ"ח לפרש"י), דזהו הדגשת הכתוב „לחם לפי הטף", כי מצד טבעם לפרר, צריך ליתן להם יותר משיעור אכילתם. וראה סה"ש תנש"א ח"א ע' 209 הערה 47.

מאכל אויך אָנקומען צו אַנדערע וואָס קענען דערוויילע ניט אויפנעמען מער־ער ווי קליינע פירורים.

ועד"ז בנוגע צו נשי ובנות ישראל:

צווישן די מצוות מיוחדות פון נשי ובנות ישראל – איז דער ענין פון ה־דלקת נרות שבת קודש ויום טוב. וואָס דאָס איז אויך פון די חידושים שבדורנו – אַז ס'איז צוגעקומען בריבוי גדול אין נשי ובנות ישראל וועלכע צינדן נרות שבת קודש ויו"ט, און באַלייכטן דורך דעם זייערע הייזער און די וועלט מיט „נר מצוה ותורה אור", ביז באופן פון „אתפריעו כל נהורין".

כנראה בפשטות, אַז בשעת מ'צינדט אָן אַ ליכט ווערט דער גאַנצער צימער באַלויכטן מיט די ליכטיקייט פון דעם נר. און זייענדיק אַ נר קדוש, אויף וועל־כע מ'האָט געמאַכט אַ ברכה, באַלייכט דאָס דעם גאַנצן צימער מיט קדושה – ע"ד דער ענין פון „אתפריעו כל נהורין".

[משא"כ אַנדערע מצוות, קענען זיי זיין אין אַן אופן אַז איין מצוה איז אָפּ־געטיילט פון די אַנדערע. וכדיוק לשון חז"ל[126] „מלאין מצוות כרמון": ער איז טאַקע מלא מצוות, אָבער זיי זיינען אָפּ־געטיילט איינע פון די צווייטע און פאַר־דעקט מיט אַ שאָלאַכץ המכסית, בדוגמא ווי די גרעינים אין אַ רימון].

ועפ"ז איז אויך מובן, ווי דורך נש"ק פון נשי ובנות ישראל קומט צו אין קיום המצוות פון כל בני ביתם, אויך דער מאַן און די זין. וכפשטות הענין: הדלקת נרות שבת איז די פתיחה וואָס פירט אַריין דעם גאַנצן שבת פאַר כל בני בית, און ערשט דערנאָך קומען די תפלות שבת און קידוש פון די אנשים. ועד"ז בכללות יותר – ווי די גמרא זאָגט[127] אַז דורך הדלקת נרות שבת קודש, איז מען זוכה צו בנים תלמידי חכמים, „דכתיב כי נר מצוה ותורה אור . . ע"י נר מצוה דשבת . . בא אור דתורה"[128].

ויש לומר אַז דאָס איז אויך מרומז אין דער גימטריא פון „נר"[129] – רמ"ח מצוות עשה דורכגענומען און אָנגעפירט מיט די צוויי קוים פון אהבה ויראה.

יז. ובכללות – איז דער לימוד דער־פון, אַז די עבודה פון אַ אידן דאַרף זיין באופן פון „אתפריעו כל נהורין", אַז זיין גאַנצע מציאות איז דורכגענומען מיט „נר מצוה ותורה אור", און ער טוט די עבודה מיט אַ נשמה בריאה אין אַ גוף בריא, בדוגמא ווי אַ כהן גדול וואָס איז שלם אין אַלץ (כנ"ל ס"ח).

און אפילו אויב ס'איז דאָ ח"ו אַ הפסק וירידה „ברגע קטן עזבתיך"[130], אַז עס פעלט אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע ר"ל (וויבאַלד אַז די גאולה איז נאָך ניט גע־קומען בפועל) – איז דאָס ירידה צורך עלי', נאָר בכדי צוקומען צו אַ העכערע דרגא אין דעם גילוי פון „בא אל פרעה", סיי אין דער נשמה, ועוד ועיקר – אין אירע בני בית, די זין און בעיקר די טעכטער, אַז זיי זאָלן זעען ממלא וממשיך זיין טאָן די עבודה וואָס זי וואָלט געטאָן בחיים, ברוח וואָס זי האָט אין זיי אַריינגעגעבן דורך זייער חינוך, וואָס דורך „זרעה בחיים" איז „אף היא בחיים"[131].

126) חגיגה בסופה. וש"נ.

127) שבת כג, ב.

128) פרש"י שם.

129) ראה זח"ב קסו, ב. לקו"ת בהעלותך לג, ג. שלח מד, ד. ובכ"מ.

130) ישעי' נד, ז.

131) ראה תענית ה, ב.

ובכללות — אַז דורך דעם זאָל צוקומען נאָכמער אין דעם גילוי הנשמה בבחי' שושנה, וועלכע איז מקבל פון דעם אויבערשטן הנקרא שושן[132], ביז אַז עס ווערט די התאחדות גמורה פון „ישראל וקוב"ה כולא חד".

יח. ויהי רצון, אַז דורך עצם קבלת ההחלטות בקשר מיט יו"ד שבט — כולל, אַז יעדערער איז זיך משתתף אין אַלע פעולות ומנהגים פאַרבונדן מיט יו"ד שבט, אָנהויבנדיק פון דער התוועדות וואָס מ'מאַכט בכל מקום ביום זה, און בשבוע שלפניו ושלאחריו —

זאָל נאָך פאַר דעם זיין „הקיצו ורננו שוכני עפר", און דער בעל ההילולא בראשנו, ותיכף ומיד ממש, אין דעם ממש'דיקן פירוש פון „ממש" — כידוע[133] אַז צדיקים קמים בתחה"מ מיד, און מ'פראַוועט מיט אים צוזאַמען דעם יום ההילולא,

און תיכף ומיד ממש ווערט „בשלח פרעה את העם"[134], „ובני ישראל יוצאים ביד רמה"[90] — אַז מ'גייט אַרויס פון גלות און מ'גייט אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, ל־בית המקדש השלישי, ולקדש הקדשים,

ה' ימלוך לעולם ועד[135].

132) ראה זח"ג קז, א. סה"מ תקס"ח ע' צ. וראה ספר הליקוטים דא"ח צ"צ ערך שושנה. וש"נ.

133) זח"א קמ, א.

134) ר"פ בשלח.

135) שם טו, יח.

## לזכות
## כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א
## מהרה יגלה אכי"ר

* * *

**לז"נ**

הרה"ח הרה"ת ר' **צבי הירש** בן הרה"ח ר' **בן ציון** ע"ה

נלב"ע ז"ך אלול ה'תש"מ

ומרת **רבקה** בת הרה"ח ר' **צבי** ע"ה

נלב"ע כ"ט תמוז ה'תשס"ב

**שפּריצער**

נתרם ע"י בניהם – יבלח"ט –

הרה"ת ר' **שמואל** והרה"ת ר' **יעקב מרדכי** שיחיו

**שפּריצער**

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**